ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# שבט מוסר

## אחרי

אידיש

**529**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק

# תשעה ועשרים

**• אחרי •**

אין דעם פרק ווערן געברענגט נאָך מוסר רייד, און מאמרים פון דעם ספר התפוח.

**דער הייליגער גאון וצדיק ר"ר הלל קאלאמייער זצ"ל האָט עדות געזאָגט אַז דער "שבט מוסר" האָט אים געמאַכט פאַר אַ מענטש, און אַזוי האָבן גרויסע צדיקים וקדושים אָנגעזאָגט זייערע קינדער צו לערנען שטענדיג אין דעם ספר, ווייל דאָס האָט זיי געברענגט צו דעם וואָס זיי זענען צוגעקומען.**

בס"ד

# אינהאַלט
## פון ניין און צוואָנציגסטער פרק


א. נאָך מוסר-רייד אויף אַ מליצה'דיגן וועג, אויך פון ספר "התפוח"........................................ ג

ב. אַ וואָרענונג צו דעם מענטש, אַרויסצונעמען זיין נשמה פון די ליים און בלאָטע פון די עבירות.......................................................... ז

ג. שטאַרקע שטראָף-רייד ווי אַזוי דער מענטש קען אונטערטעניגן זיין יצר הרע........................ח

ד. די שאַנד פון די מידה פון קנאה, און פאַרשידענע וועגן ווי אַזוי אַ מענטש קען זיך שטאַרקן אויף די דאָזיגע שענדליכע מִדה........... י

ה. די קלוגע רייד פון די חכמים און זייערע עצות ... יא

# פרק תשעה ועשרים

## נאָך מוסר-רייד אויף אַ מליצה׳דיגן וועג, אויך פון ספר ״התפוח״.

**א. יאירו העינים,** עס זאָלן לייכטן די אויגן, און עס זאָלן געעפנט ווערן די אויערן צו זען און צו הערן אַנדערע ריכטיגע שטראָף רייד. איך טו לויבן דעם אויבערשטן, וואָס ער האָט מיר אַן עצה געגעבן. אויך ביינאַכט האָבן מיך געשטראָפט מיינע נירן, זיי האָבן מיך אויפגעוועקט, און מיך דערמאַנט, און האָבן מיר געזאָגט: דו פוילער, ביז ווי לאַנג נאָך וועסטו ליגן, שטיי אויף גיך צו דינען דעם אויבערשטן ברוך הוא, אַז נישט אַצינד ווען דען, טאָמער וועסטו שטאַרבן. היט דיין נשמה צו פאַרריכטן, איידער זי גייט פון דיר אַוועק, דיינע אַלע יאָרן זענען גאָר הבל, נאַרישקייט. דעריבער טו תשובה איין טאָג פאַר דיין טויט, ווייל עס איז נאָר ווי אַ טריט צום טויט. דיינע טעג זענען אַזוי ווי חלומות, וויפיל זענען גאָר די טעג פון דיין לעבן, אַז דו זאָלסט זיי פאַרלענדן מיט נאַרישקייטן.

**ב. הנה,** וואָס דו לעבסט אַ טאָג האָסטו ווייניגער צו לעבן, און דיינע תאוות שטאַרקן זיך אַלעמאָל. דערוועק זיך און וואַך אויף. הייב אויף דעם יצר טוב, און מאַך נידעריג דעם יצר הרע. קער דיך צו זען אַלע דיינע מעשים, וועסטו אַליין וויסן אַז קיין גוטס איז נישטאָ אין זיי, וויפיל יאָר ביסטו נאָכגעגאַנגען נאָך נאַרישקייטן, דו האָסט געהיט נאַרישע תאוות, און דיין נשמה האָסטו נישט געהיט, און די אויגן פון דעם אויבערשטן שוועבן דאָך אויף דער גאַנצער וועלט, און דו האָסט גאָר קיין מעשים טובים נישט, דו ביסט אַלט געוואָרן און האָסט נאָך נישט תשובה געטוהן.

**ג. זה,** וויפיל יאָרן איז דער אויבערשטער מיט דיר, און קיין שום זאַך האָט דיר נישט געפעלט, דאָס אַלעס איז נאָר צוליב דעם חסד

פון דעם אויבערשטן ברוך הוא. אָבער דו ביסט שוין גראָ און דו גייסט אַלץ נאָך די תאוות פון דיין האַרץ. דיינע יונגע טעג און די מיטעלע יאָרן זענען שוין אַוועקגעגאַנגען, און דו האָסט נאָך אַלץ נישט תשובה געטוהן, עס איז כמעט נישטאָ קיין רפואה צו דיין בראָך, די תאוות האָבן פאַרפינסטערט דיין שכל, און דו זוכסט פאַר דיר אַלץ גרויסקייט. בעסער איז אַז דו זאָלסט נישט זוכן, וועסטו דען האָבן אַ מויל צו ענטפערן ביי דעם יום הדין?

**ד. תשא,** דו טוסט אויפהייבן דיינע אויגן צו דעם אויבערשטן, און אין דיין האַרץ האָסטו אין זינען דאָס עסן, און דיין תפלה איז נאָר מיט די לעפצן, און נישט מיט אַ ריין האַרץ. מיט דיין צונג לויבסטו אים, און אינעווייניג איז דאָס ביי דיר אַ געשפעט. דיין עבודה איז נישט ריין, דו טוסט די מצוות נישט ערנסט. איז דען רעכט צו גנב'ענען און גזל'ענען, און גיין איינגעבויגן גלייך ווי דו ביסטו פרום, און דורך וואָס זאָל דער אויבערשטער פאַרגעבן דיינע זינד? דו ביסט גלייך ווי אַ דאָרן, און דיין תפלה האָט נישט קיין געשמאַק.

**ה. הסר,** טו אָפּ דיין ווילדקייט, און וואַרף אַוועק דיינע תאוות. דו זאָלסט נישט זאָגן, איך בין נאָך יונג, ווייל דו ווייסט נישט ווען דו וועסט שטאַרבן. דעריבער גיב אָפּ כבוד צו דעם אויבערשטן איידער דיין געשטאַלט וועט פינסטער ווערן. וועסטו דען אויף אייביג נאָכיאָגן די תאוות פון דיין יוגנט, און דו וועסט נאָכגיין נאָך דיין יוגנט?

**ו. ועתה,** און אַצינד, ווען דו ביסט שוין געגאַנגען אין שלעכטן וועג, און נאָך תאוות, פאַרוואָס האָסטו מבזה געווען דיין שפייזער, דאָס איז דער אויבערשטער ברוך הוא, צווישן די שפעטערס ביסטו געזעסן, און אין דעם וועג פון די זינדיגע ביסטו געשטאַנען, ווייל דו האָסט מקנא געווען אין די שפעטערס און אין די זינדיגע, אויף וועמען האָסטו זיך פאַרזיכערט, וואָס דו האָסט ווידערגעשפעניגט אין

דעם אויבערשטן, דו האָסט דיך געדאַרפט פאָרכטן פאַר דעם טאָג פון אַ צרה, פאַר דער פאָרכט וואָס קומט פלוצלונג, פאַר דעם פאָרכטיגן טאָג פון די בייזע משפטים, פאַר די שטראָפן, פאַר די בייזע באַגעגעניש. טאָמער וועט דער אויבערשטער ברוך הוא אויפהאַלטן דעם רעגן צוליב דיינע זינד, און צו וועמען וועסטו אויפהייבן דיינע אויגן אין דיין פיין און וועמען וועסטו בעטן אין דיין קראַנקהייט, אָדער וואָס פאַר אַ מין שטראָף אויף דיר וועט קומען ח״ו, וועמען וועסטו דעמאָלטס בעטן? דעמאָלט וועט שוין אונטערטעניג ווערן דיין האַרץ, און דו וועסט בעטן צו דעם אויבערשטן ברוך הוא, העלף מיר, אָבער דאָס איז אַן עזות מצח, דו זעסט אַז קיינער קען דיך שוין נישט ראַטעווען, און עס איז דיר זייער ביטער, דעמאָלט קערסטו זיך צוריק צום אויבערשטן, און דו זאָגסט איך האָב געזינדיגט, און אַז דו האָסט געהאַט הרווחה ביסטו נאָכגעגאַנגען די תאוות פון דיין האַרץ. באַצאָלט דען אַזוי אַ קנעכט צו זיין האַר ווי דו טוסט קעגן דעם אויבערשטן? ווילסטו דען פון אים שפּעטן אַזוי ווי מען שפעט פון אַ מענטש? קענסטו דען זאָגן, איך האָב מיינע עבירות געטוהן בסתר, באַהאַלטענערהייט, און דעריבער ווייסט ער נישט פון זיי.

**ז. הנה,** ער איז דער גאָט פון אַלע באַשעפענישן, איז דען פון אים פאַרהוילן אַ זאַך, ווייל ער האָט באַשאַפן די אויערן, אויב אַזוי, הערט ער דאָך. ער האָט באַשאַפן די אויגן, אויב אַזוי, זעט ער דאָך.

**ח. אוי,** וויי איז צו דיר, מענטש, וואָס דו רעדסט שלעכטע רייד פון דיין מויל, און אין דיין כעס פאַרגעסטו אין דעם אויבערשטן, וואָס ער האָט דיך באַשאַפן. אויף וועמען האָסטו אויפגעהויבן דיין קול? שטיי אויף און עס פון דיינע מעשים, האָסטו דען מיר געטוהן? דו האָסט דאָך דיר זעלבסט שלעכטס געטוהן. דו האָסט געגעסן אומצייטיגע פּירות, זענען דיר איילִיג געוואָרן דיינע ציין, דו האָסט קיין בושה נישט געהאַט פאַר דעם אויבערשטן, דו האָסט געטוהן עבירות,

דעריבער זענען דיר געקומען אַזעלכע יסורים. אַזוי וועט דיר דער אויבערשטער ברוך הוא ענטפערן, און דו וועסט בעטן פון אים, ער זאָל דיך ראַטעווען פון אַ צרה, דעריבער איז בעסער אַז בשעת דו ביסט נאָך געזונט, שטאַרק דיך בייצוקומען דעם יצר הרע. דיינע הענט זענען דאָך נישט געבונדן, און דיינע פיס זענען נישט געשלאָסן אין קייטן, דיינע אויגן זענען נישט בלינד, און דיינע אויערן זענען נישט טויב. שטאַרק זיך און גיי אַרויס פון דער האַנט פון דעם יצר הרע. ווי לאַנג נאָך וועלן דיינע געדאַנקן היפּן אויף צוויי ערליי מחשבות, וואָס דו ווייסט נישט אויב דו זאָלסט דינען דיין באַשעפער, אָדער דיין יצר הרע.

**ט. גער,** שריי אָן אין דעם שטן און דערווייטער אים, ווייל ער קומט דיך איבערצורעדן, און ער שטייט ביי דיין רעכטע האַנט דיר צו שטערן, ער זיצט אין דיר און טראַכט אויף דיר בייז, און ער וועט זיך נישט אומקערן ליידיג, ביז ער וועט דיך לאָזן שטיין נאַקעט.

**י. עזוב,** פאַרלאָז די תאוות, ווייל דיין סוף וועט זיין ביטער. טו תשובה און פאַרזוים דיך נישט, און דו זאָלסט זיך נישט באַרימען מיט'ן מאָרגנדיגן טאָג, ווייל דו ווייסט נישט וואָס היינט קען דיר נאָך געשען. טו תשובה איין טאָג פאַר דיין טויט. דו וועסט דאָך נישט לעבן אייביג, און דו ווייסט דאָך נישט ווען דו וועסט שטאַרבן, דעריבער מוזטו יעדן טאָג תשובה טוהן, טאָמער וועסטו מאָרגן שטאַרבן.

**יא. והדרך,** און דער גוטער וועג איז קלאָר צו די מענטשן וואָס באַגערן זי. אויף דיין געלעגער באַגער דעם אויבערשטן ברוך הוא מיט דעם גאַנצן האַרץ, און דו זאָלסט נישט זאָגן, איך האָב מיך געמיט צו זוכן דעם גוטן וועג, און האָב נישט געפונען, ווייל דער אויבערשטער ברוך הוא ווערט געפונען צו די וואָס זוכן אים, און ער איז נאָענט צו די וואָס רופן אים באמת, נאָר דיינע זינד מאַכן אַ צווישנשייד צווישן דיר און דעם באַשעפער. דעריבער קער זיך אום און

שטאַרק זיך, און לאָז נישט אָפּ דיין גוטן וועג ביז דער אויבערשטער ברוך הוא וועט עפענען דיינע אויגן, און וועט רייניגן די געדאַנקן, ווייל אַצינד אַז דו וועסט אַזוי טוהן, וועט ער זיך דערבאַרעמען אויף דיר, און ער וועט דיר העלפן און דערהייבן דיין פּנים.

**אַ וואָרענונג צו דעם מענטש, אַרויסצונעמען זיין נשמה פון די ליים און בלאָטע פון די עבירות.**

**יב. ברכי,** מיין נשמה, לויב דעם אויבערשטן, פאַרגעס נישט אַלע דיינע טובות, געדענק אַז ער האָט דיך אַרויסגעצויגן פון אַ הייליג אָרט, און ער האָט פאַר דיר געגעבן דעם וועג פון לעבן און גוטס, און דעם וועג פון טויט און שלעכטס, אויך די ליכטיקייט און די פינצטערניש. קלויב דיר אויס דעם גוטן וועג, רייניג דיך און וואַרף אַוועק דיין אומווירדיקייט, לאָזן דיך נישט איבעררעדן די תאוות פון דעם געפלאָגטן גוף, פאַרלאָז אים איידער ער וועט דיך פאַרלאָזן. נאָך וואָס טויג דיר אים נאָכצוגיין, ווייל ער איילט זיך ווידערצוקערן צו זיין ערד, אָבער דו וועסט זיך ווידערקערן צו דעם אויבערשטן, וואָס ער האָט דיך אַריינגעגעבן אין דעם גוף. דעריבער, זע וואָס פאַר אַ זאַך דו זאָלסט ענטפערן דעם וואָס האָט דיך געשיקט אין דעם גוף אַריין.

**יג. ברכי,** מיין נשמה, לויב דעם אויבערשטן צו באַהעפטן זיך מיט דיינע מלאכים, און דו וועסט גיין מיט זיינע הייליגע משרתים. דו זעסט און הערסט אין דאָס גוטע, און דאָס בייז ווייסטו גאַנץ גוט. צו דיך אַוועק פון די תאוות, שטאַרק זיך צו האַלטן אין דיין גאַנצקייט, און הייליג זיך פון דיין טומאה. אַנטלויף פון דעם טויט, און גיי אַרויס פון דער פינצטערניש, און שעפּ פון דעם קוואַל פון לעבן, און פון דעם קוואַל פון הילף. (ביז אַהער ווערט גערעדט צו דער *נשמה*).

## שטאַרקע שטראָף-רייד ווי אַזוי דער מענטש קען אונטערטעניגן זיין יצר הרע

**יד. הוי,** זאָלסט וויסן אַז דו האָסט נישט נאָך אַזאַ פיינט ווי דיין יצר הרע, ער טראַכט אַ גאַנצן טאָג דיר בייז צו טוהן, דיך צו מאַכן פאַלן אין גיהנם, און אַלע זיינע מחשבות זענען דיך אַוועקצושטויסן פון דעם אויבערשטן דיין גאָט, און צו מאַכן דיך פאַרפיינטעט אין זיינע אויגן, כדי ער זאָל דיך פאַרטרייבן פון עולם הבא, און ווייל ער קומט דיך צו הרג'ענען, פעדער דיך אים צו הרג'ענען, און שטאַרק דיך און גיי אַרויס מלחמה צו האַלטן מיט אים, און מיט גרויסע תחבולות זאָלסטו מיט אים מלחמה האַלטן. און אַז עס וועט אַרויפגיין אויף דיין ווילן צו טוהן אַזאַ זאַך וואָס איז קעגן דעם אויבערשטן, און דערווידער דיין באַשעפער, זאָלסטו פאַרשטיין אַז דאָס רעדט דיך אָן דער יצר הרע, וואָס ער וויל דיך מאַכן זינדיגן.

**טו. ובכן,** זאָלסטו אים ענטפערן, ווי קען איך טוהן דאָס בייז, און זינדיגן צו דעם אויבערשטן, וואָס ער איז אַ גרויסער גאָט, און אַ שטאַרקער, און אַ פאָרכטיגער, זיינע אויגן שוועבן אויף גאָר דער וועלט, זיי זעען אין אַלע ווערק פון די מענטשן, און זיינע אויערן הערן אַלץ, און ער ווייסט די געדאַנקען פון די הערצער, און קיין שום זאַך איז פון אים נישט פאַרהוילן, און ער האָט מיך באַשאפן, און אָנגעגרייט צו טוהן זיינע געזעצן און זיינע תורות, און ער האָט מיך געשפייזט פון מיין יוגנט אָן ביז אַהער, און האָט מיר געגעבן אַלע מיינע באַדערפענישן, און יעדע נאַכט גיב איך צו באַהאַלטן מיין נשמה אין זיינע הענט, און אינדערפרי קערט ער מיר זי צוריק און טוט מיט מיר גוטס, וואָס מען קען עס גאָרנישט אויסדערציילן, און איך בין אַפילו ביי מיין לעבן ערד, מכל שכן נאָך מיין טויט, ווען די נשמה וועט זיך אומקערן צו דעם אויבערשטן אָפצוגעבן דין און חשבון, אַפילו אויף פאַרהוילענע זאַכן.

**טז. ואיך,** און ווי אַזוי זאָל אַרויפגיין אויף מיין האַרץ צו
ווידערשפעניגן די רייד פון מיין גאָט, וואָס ער איז אַ
געאַכפערטער קעניג איבער אַלע קעניגן, וואָס ער האָט מיט מיר
געטוהן פיל טובות צוליב זיין חסד, ווי אַזוי זאָל איך אים באַצאָלן אַ
רעה פאַר דער טובה, צו טוהן דאָס וואָס עס געפעלט נישט אין זיינע
אויגן, צו דערצערענען אים. און אַז דו וועסט אַזוי טוהן, וועסטו נעמען
אַ דאָפּלטן שכר, איין מאָל דערפאַר וואָס דו האָסט דיך פאַרמיטן פון
טוהן די עבירה, און דאָס אַנדערע מאָל אויף דעם צער וואָס דו האָסט
געהאַט איבערצושפאַרן דעם יצר הרע, און דו האָסט עס געטוהן פון
וועגן דיין באַשעפער.

**יז. ידוע,** דו זאָלסט וויסן, אַז דער יצר הרע וואָס מאַכט זינדיגן דעם
מענטשן, איז דאָס גלוסטיקייט וואָס ער ברענגט אַריין אין
דעם מענטש צו דער עבירה, ווייל ער ברענגט אַריין אַ תאווה צו גנבים
אַז זיי זאָלן גנבענען און גזל'נען, און אַז זיי טוען עס, האָבן זיי דערפון
גרויס תענוג, און זייער סוף איז שלעכט, מען כאַפּט זיי און מען הענגט
זיי, און דעמאָלט פרייט זיך דער יצר הרע, ווייל זיין מחשבה איז
מקויים געוואָרן, ווייל דערויף איז זיין כוונה, אַז זיי זאָלן טוהן בייז צו
פאַרטרייבן זיי פון דער וועלט.

**יח. עתה,** אַצינד זע, און נעם דאָס דיר פאַר אַ מוסר, און היט דיין
לייב פון בייז, און דו זאָלסט אים נישט צוהערן, און
געדענק דיין באַשעפער, און ער וועט רעכטפאַרטיגן דיינע וועגן, און
האָב ליב דעם אויבערשטן מיט דיין גאַנץ האַרץ, און מיט דיין גאַנצן
לייב, און מיט דיין גאַנץ פאַרמעגן.

**די שאַנד פון די מידה פון קנאה, און פאַרשידענע וועגן ווי אַזוי אַ מענטש קען זיך שטאַרקן אויף די דאָזיגע שענדליכע מִדה.**

**יט. התרחק**, דערווייטער זיך פון דער מדה פון קנאה, ווייל עס איז נישטאָ קיין ערגערע מדה דערפון, און דאָס איז די גרעסטע פון אַלע עבירות, און אויב עס קומט אין דיין האַרץ קנאה, אַז דו זעסט דיין חבר באַגליקט אין זיינע מעשים, און דו האָסט נישט אַזוי, טוה וואָס איך שרייב פאַר דיר, וועסטו געראַטעוועט ווערן.

**כ. שא**, הייב אויף דיינע אויגן צו דעם הימל, און גיב אַ כבוד און אַ לויב צו דעם וואָרהאַפטיגן גאָט, וואָס ער פאַרקירצט נישט דעם שכר פון אַלע באַשעפענישן, די וואָס טוען זיין ווילן, לויט די מעשים פון דעם מענטש באַצאָלט ער אים. דעריבער זאָלסטו טראַכטן, געוויס האָט מיין חבר מעשים טובים און מצוות, און ער טוט דעם ווילן פון דעם אויבערשטן ברוך הוא, דעריבער טוט דער אויבערשטער פאַר אים זיין ווילן, און גיט אים פיל גוטס, און איך האָב אפשר פיל געזינדיגט, און איך בין נישט ראוי. און ווען דאָס נאַרישקייט פון דעם מענטשן טוט פאַרקרומען זיין וועג, זאָל ער דערפאַר ברוגז זיין אויף דעם אויבערשטן ברוך הוא, דאָס איז דאָך אַוודאי נישט געמאָלט.

**כא. אך**, נאָר זיי מקנא אין זיינע גוטע מעשים, און זאָג, איך וועל אויך אַזוי טוהן ווי ער, און מאַך גוט דיינע ווערק, און טו דעם ווילן פון דיין באַשעפער, אַז ער זאָל דיך ליב האָבן, און דו זאָלסט געפינען חן אין זיינע אויגן, און אויב דו ווייסט אַז דו ביסט אַ רעכטער צדיק, און דער וואָס איז מצליח איז אַ רעכטער רשע, זאָלסטו טראַכטן, אפשר האָט ער געטוהן אַ מצוה, דעריבער באַצאָלט אים דער אויבערשטער זיין שכר פאַר דער איינער מצוה אויף דער וועלט, כדי ער זאָל פון אים געצאָלט ווערן אויף עולם הבא, דורך זיינע פילע זינד, און אויך ווען איך בין אַ צדיק איז נישט מעגליך איך זאָל נישט זינדיגן קעגן מיין באַשעפער, און פאַר די זינד באַצאָלט מיר דער אויבערשטער אויף

דער וועלט, כדי איך זאָל ירש'ענען עולם הבא, און דאָס טוט ער ווייל ער האָט מיך ליב.

**כב. ואם,** און אויב דו האָסט בריוח און בכבוד וויפיל דו דאַרפסט, נאָר דו ביסט נישט קיין עושר, און דו האָסט נישט אַ סאַך קינדער אַזוי ווי דיין חבר, און דעריבער ביסטו אים מקנא, זאָלסטו וויסן אַז דיין עונש איז דערפאַר זייער גרויס, ווייל דו ביסט נוהג אַ קלות ראש אין דיין באַשעפער. דיר דאַכט זיך אַז דו ביסט זייער קלוג, און דו וואָלסט געוואָלט אַז דער אויבערשטער זאָל דיך פירן לויט דיין ווילן.

**כג.** מען טאָר נישט מהרהר זיין נאָך דעם אויבערשטן'ס מעשים, און עס איז גענוג וואָס ער האָט דיר געגעבן די נשמה און דאָס לעבן, און ער טוט מיט דיר חסד, און אויף דיר ליגט די פליכט צו דאַנקען און צו לויבן אים דערפאַר.

**כד. ומה,** וואָס פאַר אַ האָפענונג האָט דער מענטש, אַז ער טוט פאַרמערן די רייכקייט פון זיין הויז, ווייל ער וועט עס נישט מיטנעמען ביי זיין טויט, עס איז מער נישטאָ פאַר דעם מענטש נאָר צו פאָרכטן זיך פאַר דעם פאָרכטיגן גאָט, און צו דינען אים מיט'ן גאַנצן האַרץ, צו טוהן זיין ווילן מיט זיין גאַנצע מעגליכקייט, און אים ליב צו האָבן, און צו באַהעפטן זיך אין אים, אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק "פאַר דעם אויבערשטן דיין גאָט זאָלסטו זיך פאָרכטן, אים זאָלסטו דינען, און אין אים זאָלסטו זיך באַהעפטן".

## די קלוגע רייד פון די חכמים און זייערע עצות

**כה. וראיתי,** און איך וועל שרייבן דברי מוסר וואָס איך האָב צוזאַמענגעקליבן פון חכמים:

א) דער מענטש וואָס וויל אַרויפגיין אין גרויסע מעלות, זאָל ער זיך היטן פון שענדליכע רייד.

ב) דער מענטשן וואָס וויל האָבן די וועלט, וועט ער זיך אָנזעטיגן פון ביטערקייט.

ג) אַז דער אויבערשטער ברוך הוא צערנט אויף אַ שטאָט, גיט ער געלט צו די קאַרגע מענטשן, וואָס ווילן קיין צדקה נישט געבן. אָבער אַז ער האָט ליב די שטאָט, גיט ער דאָס געלט צו אזעלכע מענטשן וואָס האָבן גוטע הערצער.

ד) די חכמה רופט, קומט גיך, לערנט מיך, איידער איר וועט מיך זוכן און איר וועט מיך נישט געפינען.

ה) די תשובה איז צו די זינד, אַזוי ווי אַ רפואה צו די קראַנקע.

ו) דער מענטש דאַרף האָבן שטראָף רייד, אַזוי ווי די ערד דאַרף האָבן רעגן.

ז) אַ נדיבות׳דיגער מענטש טוט גוטס אַפילו צו זיינע פיינט, און דער קאַרגער מאַן באַהאַלט זיין געלט, אַפילו פאַר זיינע פרייד.

ח) מען דאַרף טוען אַ סאַך חסדים, ווייל די צייט קען איבערגעקערט ווערן. דעריבער גרייט אָן שפייז צו דעם טאָג ווען דו וועסט זיך שיידן פון דער וועלט.

ט) די בעסטע שפייז איז ערליכקייט און דעם אויבערשטנ׳ס דינסט.

י) די בעסטע מעשים זענען תשובה און מעשים טובים. דער חכם ווערט פאַרהערליכט אויך ווען ער איז פון אַ געמיינע משפחה, און ער באַקומט אַ סאַך פריינט אויך אין דער פרעמד.

יא) אַז מען זאָל פון דער וועלט נישט פיל געניסן, איז עס אַ רפואה אַז מען זאָל קיין פיל קרענקונג נישט האָבן.

יב) דאָס רייכטום נוצט נאָר אַזוי פיל אַז עס זאָל נישט פעלן וואָס מען דאַרף אויף פרנסה.

יג) דער נאַר האָט נאָך מער פאָרצוג פון דעם וואָס איז זיך מתוּוכח מיט אים.

יד) דער וואָס איז אַ נדיב, ברייטהאַרציג, דער ציט צו צו זיך אַפילו זיינע שונאים, אָבער דער וואָס גזליט פון מענטשן, פאַרטרייבט פון זיך אפילו זיינע פריינט.

טו) אין אַ צאָרנדיגע צייט קענען קיין גוטע פריינט אויך נישט העלפן. מוז מען נאָר בעטן דעם אויבערשטן אַז ער זאָל העלפן.

טז) דער וואָס גיט שלום נאָר מיט׳ן מויל און העלפט נישט מיט זיין פאַרמעגן, איז ווי אַ שיינע בילד וואָס קען זיך אָבער נישט באַוועגן.

יז) דער וואָס עסט ביי אַ קאַרגן וועט זיך געוויס נישט איבערעסן. אַז מען עסט ביי אַ גוטן פריינט, איז עס געשמאַק, און ביי אַ שונא איז עס אַ קרענק.

יח) אַ מענטש וואָס ליידט פון ״קנאה״, קען נישט לאַנג לעבן.

יט) ווער עס הערט צו רכילות, האָט נישט קיין גוטע פריינט.

כ) אויב דו ווילסט נישט זאָרגן, באַטראַכט די וועלט ווי אַ שלעכט געשעפט. וואָס מען נעמט אַרויס דערפון איז ווי געפונען.

כא) **חכם**, אַ חכם איז געקומען צו אַ מענטש וואָס האָט שווער געאַרבעט, האָט דער חכם אים געפרעגט, וואָס ווינטשסטו דיר אויף דער וועלט? האָט דער מענטש געזאָגט איך וויל צו איר (צו די וועלט) קומען. האָט דער חכם אים געפרעגט, וואָס האָסטו שוין באַקומען? האָט ער געזאָגט גאָר ווייניג.

האָט דער חכם אים געזאָגט: אויב פון דער וועלט, וואָס דו אַרבעטעסט אַזוי פיל האָסטו גאָר ווייניג, וואָס ווערסטו האָבן פון עולם הבא, וואָס דו טראַכסט גאָרנישט אויף דעם.

כב) מען האָט געפרעגט אַ חכם, וואָס איז גוט פאַר דעם מענטש ער זאָל דערויף טראַכטן, האָט דער חכם געענטפערט: שכל און חכמה. און אויב ער האָט נישט קיין געלט, זאָל ער נעמען אַ גוט ווייב, און אויב ער האָט קיין גוט ווייב אויך נישט, איז דער קבר בעסער פאַר אים.

כג) עס איז בעסער אַ נאַר וואָס שווייגט, פון אַ חכם וואָס רעדט פיל.

כד) דיין סוד איז אין דיין האַנט, און אויב דו ביסט אים מגלה, ביסטו ביי אים אין דער האַנט.

כה) **לולא**, ווען נישט דריי זאַכן, וואָלטן מענטשן געווען אַזוי ווי מען דאַרף. דאָס ערשטע איז, וואָס די רייד פון אַ חכם ווערן נישט צוגעהערט. דאָס צווייטע איז, וואָס קיין תאווה ווערט נישט פאַרמיטן, און דאָס דריטע איז וואָס דער מענטש האַלט זיך גרויס. די הערשאַפט פונעם קלוגן איז ענוה, און די הערשאַפט פונעם נאַר איז עזות.

כו) זיי מוחל צו דעם וואָס האָט דיר בייז געטוהן, און גיב צו דעם וואָס האָט דיר נישט געוואָלט געבן.

כז) אַז דו ווערסט זיך נוקם זיין אין איינעם, ווערסטו זיך זאָרגן, און אויב דו ווערסט אים מוחל זיין, ווערסטו זיך פרייען.

כח) זאָלסט נישט פאַרבייטן דיין ליבהאָבער וועלכן דו האָסט פון לאַנג, פאַר אַ ליבהאָבער וואָס דו האָסט ערשט באַקומען.

כט) עס זאָל ביי דיר נישט ווייניג זיין אַפילו אַ שונא אַז דו האָסט, און ווען אַפילו ער איז גאָר אַ מבוזה'דיגער מענטש, ווייל אַמאָל ווערט אַ גרויסער מענטש דערוואָרגן מיט אַ קליינע פליג. דעריבער היט דיך פון דער פיינטשאַפט פון מענטשן, און אַפילו טויזנט פריינט זאָלן נישט צופיל זיין אין דיינע אויגן.

ל) **האדם**, אַ מענטש אָן אַ חבר איז אַזוי ווי אַ לינקע האַנט אָן אַ רעכטע האַנט.

לא) מען האָט געפרעגט אַ חכם, וועמען האָסטו בעסער ליב, דיין ברודער אָדער דיין געטרייען חבר? האָט ער געענטפערט, איך האָב אַנדערש נישט ליב מיין ברודער, ביז ער איז מיין געטרייער חבר.

לב) מען האָט געפרעגט אַ חכם, פאַרוואָס האָסטו נישט ליב דעם ווין? האָט ער צו זיי געזאָגט, ווייל ער פעלשט אין זיין שליחות. איך שיק אים צום בויך און ער גייט צום קאָפּ.

(ביז דאָ האָב איך געפונען די רייד פון די חכמים).

❀ ❀ ❀